**Är du utsatt för våld i en nära relation? - Jiddisch**

# צי ביסטו אַ קרבן פֿון משפּחה־רציחה?

משפּחה־רציחה קען זײַן עטלעכע זאַכן. אַ מאָל האַנדלט עס זיך מיט אַ רציחהדיקן פּאַרטנער. אַ מאָל מיט אַנדערע קרובֿים. עס קען אויך זײַן אַז די עלטערן זײַנען קרבנות ווען אַ קינד איז רציחהדיק. די רציחה קען זײַן פּסיכיש, פֿיזיש און סעקסועל. עס קען למשל זײַן אַז עמעצער:

- דיר זידלט אָדער זאָגט אַז דו ביסט אַ נודניק
- דיר רוקט, שלאָגט, בריקעט אָדער טוט דיר װײ אויף אַנדערע אופֿנים.
- דיר קאָנטראָלירט און באַגרענעצט, צווינגט דיר צו טאָן זאַכן דו ווילסט ניט טאָן
- דיר צווינגט צו פֿאַרענדערן דײַן אויפֿפֿיר אָדער לעבן־סטיל
- דיר צווינגט צו טאָן עפּעס סעקסועל
- נעמט דעם קאָנטראָל איבער דײַן עקאָנאָמיע

**דו האָסט אַ רעכט צו באשיצונג און אונטערשטיצונג**

אַלעמען קען ווערן אַ קרבן פֿון משפּחה־רציחה. אַ קרבן זאָל קריגן אינפֿאָרמאַציע, באַשיצונג און אונטערשטיצונג און מע זאָל זײַן דרך־ארצדיק און עמפּאַטיש ווען מע באַקענט זיך מיט אים. דאָס איז אַ רעכט. אויב דו האָסט קינדער האָבן אויך זיי אַ רעכט צו אונטערשטיצונג.

**דו קענסט קריגן הילף מיט:**

- שטיציקע שמועסן
- באַשיצונג און דערוויײַליקער וווינונג
- עקאָנאָמישער אונטערשטיצונג
- שטיץ אין פֿאַרבינדונג מיט מלוכישע אינסטאַנצן, למשל מיט דער פּאָליציי

שטעל זיך אין פֿאַרבינדונג מיט אונדז כּדי צו באַקומען הילף. דו קענסט זײַן אַנאָנים אויב דו ווילסט.

טאָמער עס איז אַ נויטפֿאַל, קלינג אַלע מאָל אָן 112.

**קאָנטאַקטיר:**

- **אינסטאַנץ:** Socialtjänsten Vårgårda
- **טעלעפֿאָן־נומער:** Telefon växel 0322-600 617
- **וועב־זײַטל::** www.vargarda.se
- **אַדרעס::** Kungsgatan 45